בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

## סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ**

**תשפ"ד**

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע״י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע״י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי לֵייגְט מֶען שְׁלָאפְן אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט?..........................א
זָאל אִיךְ גֵיין לֶערְנֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?..........................ג
מֶעג מֶען הָאבְן וַואטְסְעֶפּ נָאר צוּ שְׁרַייבְן?..........................ו
וִויפִיל דַארְפְן פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ דַאוֶוענֶען?..........................ז
וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מִתְפַּלֵל בַּיים צִיוּן הַקָּדוֹשׁ אִין אוּמַאן?..........................ט
מֶען מֶעג נוּצְן מַעֲשֵׂר גֶעלְט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן?..........................י
דֶער תִּיקוּן פוּן הֲפָצָה, אִיז אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען צָאלְט גֶעלְט פַאר אַ מֵפִיץ?..........................יא
אִיךְ הָאבּ מוֹרָא פוּן מַיין וַוייבּ, זָאל אִיךְ פָארְן קַיין אוּמַאן?..........................יג


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אִיךְ הָאבּ מוֹרָא פוּן מַיין וַוייבּ, זָאל אִיךְ פָארְן קַיין אוּמַאן?.......................... טו
מַזְכִּיר זַיין דִי נֶעמֶען בַּיים צִיוּן פוּן רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס ..........................א
בִּזְכוּת מְתַקֵּן זַיין עֵירוּבִין, זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת ..........................ב
אַ פָּנִים פוּן אַ צִיגֶעלֶע..........................ב
זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין ..........................ד
אַז מֶען קוּקְט מָאוּוִים, וֶוערְן דִי מֹחַ נֶערְוֶוען גֶעשֶׁעדִיגְט..........................ד
לִפְנִים מִשּׁוּרַת הַדִין קֶען מֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן ..........................ה
מִתְנַדֵב זַיין יֶעדֶע וָואךְ צוּ בּוֹדֵק זַיין דִי עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל ..........................ה
אַרַיינְלֵייגְן אוֹיעֶרְן שְׁטָאפֶּערְס, נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעטְרֵייט פוּן זֵיי ..........................ו
נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס וִוילְן, בֶּענְקְן אוּן גְלִיסְטְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד ..........................ז

בּוֹדֵק זַיין דִי עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל בְּהִתְנַדְבוּת.......................................ח

אַ לֶערֶערִין דַארְף זַיין צוּגֶעגְרֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ........................ח

אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶסְן זָאל נִישְׁט גֵיין אִין מִיסְט.......................................ט

אַלֶע מַלְאָכִים זֶענֶען מְקַנֵא אַז אִיר קֶענְט דַאוֶוענֶען וִויפִיל אִיר וִוילְט...................י

אֲפִילוּ מֶען טְרַאכְט נָאר פוּן זַיין גוּט, וֶועט מֶען אַלֶעס פַארְדֶערְכְטְן.........................יא

מֶען דַארְף פִיטֶערְן פַאר מֶענְטְשְׁן דֶעם לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן..........................................יב

אַרָאפְּנֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן..........................................יג

וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט וָואס צָרוֹת מֵיינְט, וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְן קַאדַאטְשְׁקֶע.....................יד

אַז מֶען וֶועט אוֹיסְוַואַרְטְן, וֶועט מֶען זֶען גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן.......................................טו

אַוֶועקְגֵיין דַאוֶוענֶען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין עֶכְטֶע עֵצָה..................................טז

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל צוּ יַבְנְאֵל.....................................................יז

דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן מְתַקֵן זַיין עֵירוּבִין.....................................................יח

דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן......................................................יח

דִי בָּחוּרִים זָאלְן הָאבְּן נָאר רֵיינֶע טֶעלֶעפָאנֶען.................................................יט

דַאוֶוענֶען אִין אוּמַאן וואוּ מֶען שְׁפִירְט זִיךְ מֶער בַּאקְוֶועם..........................................כ

פְרֶעגְן דִי מֵיינוּנְג פוּן נָאךְ אַ דָאקְטֶער.......................................................כא

נִישְׁט בְּרֶענְגֶען אִין שׁוּל קַיין בְּרוֹינְפְן.......................................................כא

פָארְלֶערְנֶען פָּשׁוּט'ע זַאכְן, אוּן עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ.......................................כב

יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן מְתַקֵן זַיין עֵירוּבִין..............................כג

שְׂכַר לִימוּד אִיז אַ חִיוּב צוּ בַּאצָאלְן.........................................................כד

וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, וֶועט זִי דִיר שִׁיקְן קַיין אוּמַאן.........................כה

זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדֶע נַאכְט פַאר צֶען מִינוּט..................................................כו

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פוּן רֶבִּינְ'ס לַייט?.......................................................כז

אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן הַארְץ דִי פַיינְטְשַׁאפְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן........................................כח

גֵיי אִין אוּמַאן וואוּ דוּ בִּיסְט בַּאקְוֶועם, אָבֶער אִין אַ פְלַאץ פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.....................כט

דִי לֶעצְטֶע שַׁבָּת פוּן שְׁנַת תשפ"ד........................................................ל

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִי אַזוֹי לֵייגְט מֶען שְׁלָאפְן אַ קִינְד וָואס ווִיל נִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועגְן מַיין פִיר יֶערִיגֶע טָאכְטֶער. זִי אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם פוּל מִיט עֶנֶערְגִיֶע און קֶען צוּמָאל זַיין הִיבְּשׁ ווִילְד, אָבֶער זֵייעֶר אָפְּט פָּאלְגְט זִי נִישְׁט מִיךְ און מַיין מַאן, און צוּמָאל קֶען זִי אוּנְז אוֹיךְ שְׁלָאגְן אָדֶער רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ וֶועגְן, אָבֶער אִיךְ בִּין נִישְׁט מַצְלִיחַ אִיר צוּ מַאכְן פָּאלְגְן; סְפֶּעצְיֶעל בַּיינַאכְט וֶוען מֶען גֵייט שְׁלָאפְן ווִיל זִי נִישְׁט זַיין שְׁטִיל, און זִי שְׁטֶערְט אוֹיךְ דִי אַנְדֶערֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער פוּן קֶענֶען שְׁלָאפְן.

וֶוען זִי אִיז נִישְׁט רוּאִיג וֶועט זִי מִיר נִישְׁט זָאגְן וָואס בַּאדֶערְט אִיר, נָאר אַנְשְׁטָאט דֶעם וֶועט זִי סְתַּם וֶוערְן ווִילְד און זִיךְ אוֹיפְפִירְן נִישְׁט שֵׁיין. אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ פְרֶעג אִיר וָואס עֶס שְׁטֶערְט אִיר וֶועט זִי מִיר נִישְׁט זָאגְן, נָאר וַוייטֶער זִיךְ אוֹיפְפִירְן ווִילְד.

אִיךְ הָאף דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן עֵצוֹת און הַדְרָכָה ווִי אַזוֹי דָאס צוּ הַאנְדְלֶען.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תְּחִיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען עֶס קוּמְט דִי נַאכְט שָׁעוֹת וֶוערְן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער מִיד, אוּן דָאס מַאכְט זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן ווִילְד אוּן נִישְׁט פָּאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן; עֶס אִיז בַּיילֵייפִיג אַזוֹי בַּיי אַלֶע קִינְדֶער אוּן בַּיי אַלֶע שְׁטִיבֶער, אַז מֶען פָּאלְגְט נִישְׁט אוּן מֶען וֶוערְט ווִילְד וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז, אַז דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן זַיין רוּאִיג אוּן שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער. אַז מֶען זָאגְט: "מֶען דַארְף גֵיין שְׁלָאפְן" - דַארְף מֶען שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם בִּיז דִי קִינְדֶער גֵייעֶן שְׁלָאפְן, אוּן אַז דָאס קִינְד אִיז אַזוֹי מִיד אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט - כַאפְּט מֶען אָן דָאס קִינְד בַּיי דִי הֶענְט אוּן מֶען גֵייט שֵׁיין אַרַיין אִין שְׁטוּב זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן, אוּן אַז דָאס קִינְד הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַוֶועק צוּ רַייסְן - טָארְן דִי עֶלְטֶערְן נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַ מַחֲלֹקֶת, צוּרִיק שְׁלֶעפְּן אָדֶער פְּרַאסְקֶען, נָאר מֶען זָאגְט רוּאִיג אוּן שְׁטַארְק: "מֶען דַארְף פָּאלְגְן אַ טַאטֶע אוּן אַ מַאמֶע, מֶען גֵייט יֶעצְט שְׁלָאפְן", אוּן אַז דָאס קִינְד וַוארְפְט זִיךְ אַרָאפּ - טָארְן דִי עֶלְטֶערְן נִישְׁט וֶוערְן בַּעֲלֵי רַחְמָנוּת, נָאר מֶען הֵייבְּט אוֹיף דָאס קִינְד אוּן מֶען גֵייט שֵׁיין אִין שְׁטוּב, אוּן מֶען זָאגְט: "אַ טַאטֶע דַארְף מֶען פָּאלְגְן, אַ מַאמֶע דַארְף מֶען פָּאלְגְן".

עֶס גֵייט נֶעמֶען מֶער ווִי אַ טָאג, אוּן אֲפִילוּ מֶער ווִי אַ וָואךְ, עֶס וֶועט נֶעמֶען צַייט, אָבֶער אַז עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטַארְק, מֶען לֵייגְט אַרַיין כֹּחוֹת וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען יוּנְג, מֶען לֶערְנְט זֵיי דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען לֶערְנְט זֵיי צוּ פָּאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע - שְׁנֵיידְט מֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת, מֶען זֶעט נַחַת; שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁלָאגְן - הֶעלְפְט נִישְׁט, מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן מִיט סַבְלָנוּת בִּיז מֶען זֶעט דִי פֵּירוֹת.

אַוַדאי גֵייט דָאס נָאר מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט טְרֶערְן, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער צַדִיקִים. אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, וֶוען דִי הֵיילִיגֶע צְוֵויי בְּרִידֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען גָלוּת לַיידְן, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן אִין אֵיינֶע פוּן דִי דֶערְפֶער אַ קִינְד, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אוֹיף דֶעם קִינְד אַז עֶר הָאט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַ שְׁטַארְקֶע לִיכְטִיגְקֵייט רוּט אוֹיף אִים, זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם קִינְד וואוּ עֶר וואוֹינְט, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט זֶען דֶעם טַאטְן, אִים נָאכְקוּקְן, דֶערְגֵיין

ווי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרָאפּ צוּ בְּרֶענְגֶען אַזַא הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה. זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם אִיד, אַ פָּשׁוּטְ'ער אִיד וָואס דַאוֶוענְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן און לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט 'ווי קוּמְט צוּ אַזַא פָּשׁוּטְ'ער אִיד אַזַא הֵיילִיג קִינְד?' זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט און גֶעפְרֶעגְט, בִּיז דִי וַוייבּ הָאט גֶעזֶען ווי זֵיי עַקְשְׁנְ'עֶן זִיךְ הָאט זִי גֶעזָאגְט: "יֶעדְן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בַּיי דִי זְמִירוֹת, בַּיי 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם יוֹם יוֹם' וֶוען מַיין מַאן קוּמְט אָן צוּ דִי וֶוערְטֶער 'וְזַכֵּנוּ לִרְאוֹת בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת' - וֵויינְט עֶר, עֶס רִינְט אִים טְרֶערְן פוּן דִי אוֹיגְן, עֶר זָאגְט אִיבֶּער דִי וֶוערְטֶער אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז עֶר פַאלְט פוּן דִי כֹּחוֹת, אַזוֹי חַזֶר'ט זִיךְ אִיבֶּער יֶעדְן שַׁבָּת".

הָאבְּן דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער גֶעזָאגְט, יֶעצְט פַארְשְׁטֵייעֶן זֵיי ווי אַזוֹי עֶס קוּמְט אַזַא הֵיילִיג קִינְד צוּ אַזֶעלְכֶע פָּשׁוּטְ'עֶ עֶלְטֶערְן, דוּרְךְ תְּפִלָּה; דֶער קִינְד אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דֶער צַדִּיק רֶבִּי דָוִד לֶעלוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זָאל אִיךְ גֵיין לֶערְנֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל גֵיין לֶערְנֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין אָבֶּער נִישְׁט זִיכֶער אוֹיבּ דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן לֶערְנֶען אִין אַ יְשִׁיבָה דָא וואוּ אִיךְ וואוֹין?

אִיךְ ווֵייס אַז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ הָאבּ מֶער נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז דָארְט דָא מֶער קְדוּשָׁה און אַ רוּחַ פוּן תּוֹרָה.

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק און שִׁיעוּרִים.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

נִישְׁטָא קַיין כְּלַל בַּיי דֶעם, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ מִיט וָואס פַאר אַ חֲבֵרִים דוּ גֵייסְט זַיין, וָואס פַאר אַ חֲבוּרָה וְכוּ׳ וְכוּ׳; אַז מֶען הָאט גוּטֶע חֲבֵרִים מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם - קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין, אוּן אַז מֶען הָאט חֲבֵרִים וָואס עֶס פֶּעלְט זֵיי דִי יִרְאַת הַשֵּׁם - קֶען מֶען פַאלְן אִין נוּקְבָא דִתְהוֹמָא רַבָּה, אִין עַשָׂרָה כִּתְרָא דִמְסָאֲבוּתָא, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, רַחֲמָנָא לְשֵׁיזְבָן.

זֶע צוּ הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, עֶרְלִיכֶע אִידְן; אַז מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה אִיז דָאס אַ סִימָן אַז מֶען אִיז דוּרְכְגֶעפוֹילְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א): ״מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִבּוּל פֶּה, בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן״, וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה אִיז אַ סִימָן אַז זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז פוּל מִיט עֲבֵירוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען - (אוֹיסֶער דַיינֶע חַבְרוּתוֹת וָואס אִיז נוֹגֵעַ דִי מִסְגֶרֶת וואוּ דוּ לֶערְנְסְט) - שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ, תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ״י - אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיטְן טָאג פוּן דִי וָואךְ. נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת; לֶערְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, לֶערְן עֶס שְׁנֶעל אָן פַארְשְׁטֵיין, זָאג דִי וֶוערְטֶער מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט, מִיט אַ גֶעשְׁמַאק. עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, עֶס נֶעמְט אוּנְטֶער אַ שָׁעָה אוּן עֶס מַאכְט אַזוֹי אוֹיס אוֹיפְן מֶענְטְשׁ; עֶס שְׁטֶעלְט אַוֶועק דִי מֹחַ, עֶס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע נֶערְוֶוען וְכוּ׳, אוּן עֶס זוֹיבֶּערְט אוּן מַאכְט גְלַאנְצְן דִי נְשָׁמָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ״ס בַּבְלִי; הוֹיבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, גֵיי אִין אַ סֵדֶר בְּלַאט נָאךְ בְּלַאט, פֶּרֶק נָאךְ פֶּרֶק, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא, נָאכְדֶעם גֵיי צוּ דִי קוּמֶענְדִיגֶע מַסֶכְתָּא; אַזוֹי זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט שַׁ״ס, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט שַׁ״ס - זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל.

בַּיים לֶערְנֶען זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן מְבוּלְבָּל צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט פִּינְקְטְלִיךְ

יֶעדֶע וָוארְט און צִי דוּ גֶעדֶענְקְסְט וְכוּ׳ וְכוּ׳; מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוטון פון דִי מַחֲשָׁבוֹת, דוּ פָּאלְג בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת דֶעם רֶבִּי׳ן, וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט - זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", און בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן און מֶען וֶועט שׁוֹין פון זִיךְ אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל - וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; און אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר', שֶׁנֶּאֱמַר 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", ווַייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פון דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, און דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לִגְמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", ווַייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

וואוּ דוּ וֶועסְט זַיין, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אָדֶער אִין חוּץ לָאָרֶץ - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל

זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; מֶען קֶען אָפְּ'בַּטְלְ'ן דִי יוּנְגֶע יָארְן מִיט הֶבֶל הֲבָלִים אוּן מֶען זֶעט זִיךְ נָאכְדֶעם מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ו), "הַיֵּצֶר הָרָע דוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי אָדָם, וְיָדוֹ סְגוּרָה וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּתוֹכָהּ", דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיפְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, עֶר פָּאפְּט אוֹיס אַלֶעמֶען אוּן פְרֶעגְט זֵיי: "וָואס הָאבּ אִיךְ אִין מַיין הַאנְט?" פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דַאכְט זִיךְ אַז עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט דָאס וָואס עֶר ווִיל, דֶערִיבֶּער לוֹיפְן אִים אַלֶע נָאךְ, ווַייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען דִי זַאךְ וָואס מֶען ווִיל, "וְאַחַר כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם", אָבֶּער בַּיים עֶנְדֶע עֶפְּנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דָארְט, "כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרָע", אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז מִיטְן יֵצֶר הָרָע, "שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד", עֶר רֶעדְט אֵיין אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אִים נָאכְלוֹיפְן, ווַייל אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע תַּאֲווֹת, אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט - עֶפְּנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט, נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז אִים נָאכְגֶעלָאפְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אוּמְזִיסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶעג מֶען הָאבְּן וַואטְסְעֶפּ נָאר צוּ שְׁרַייבְּן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ הָאבְּן וַואטְסְעֶפּ, אוֹיבּ מֶען נוּצְט עֶס נָאר צוּ שְׁרַייבְּן, אוּן נִישְׁט צוּ קוּקְן נֵייעֶס אוּן נַארִישְׁקֵייטְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ט׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער זִיךְ צוּ בַּאגֵיין אָן דֶעם, וַוייל דָאס צִיט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע מַאגַאנֶעטִישֶׁע כֹּחַ אוּן עֶס בַּארוֹיבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ זַיין צַייט, זַיין יוּגֶענְט, זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, זַיין אַלֶעס.

עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ אָנְהוֹיבְּן מִיט דִי זַאכְן, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם דוּרְכְן טֶעלֶעפָאן. אִיךְ אַלֵיין קֶען צֶענְדְלִיגֶער אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, אֵיידֶעלֶע אִינְגֶעלַייט, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּיי דִי אַרְבֶּעט אֵיידֶעלֶערְהֵייט נָאר דָאס, אוּן נָאר יֶענְץ - אוּן זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר רוּאִיגְקֵייט, זֵייעֶר יִשּׁוּב הַדַּעַת, זֵייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ׳.

זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ זַיין עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**וִויפִיל דַארְפְן פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ דַאוֶוענֶען?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אִיבֶּער דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב. מַיין שְׁאֵלָה אִיז וָואס טוּט זִיךְ מִיט אַ מֵיידְל אָדֶער פְרוֹי, דַארְפְן זֵיי אוֹיךְ דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת יֶעדְן טָאג?

אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית צַייטְלִיךְ, אָבֶּער מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב דַאוֶוען אִיךְ גֶעוֶוענְלִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט. אוֹיךְ שַׁבָּת קוּמְט מִיר נִישְׁט אוֹיס צוּ דַאוֶוענֶען גֶעוֶוענְלִיךְ מַעֲרִיב אוּן מוּסָף.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן זָאגְן יֶעדְן טָאג תִּיקוּן הַכְּלָלִי.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס עֶנְטְפֶערְן אִין אַ בְּרִיוו אָדֶער רֶעדְן פוּן דֶעם בַּיי אַ שִׁיעוּר, וְוִיפִיל אִיז דֶער חִיּוּב פוּן דַאוֶונֶען בַּיי מֵיידְלֶעךְ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ'. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ אוּן מֹחַ אוֹיף וַוייטֶער צוּ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן ... תְּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

פְרוֹיעֶן זֶענֶען פָּטוּר פוּן דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב. אַ פְרוֹי אִיז נָאר מְחוּיָּב צוּ זָאגְן אִינְדֶערְפְרִי בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר, אוּן זִי דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין אַ סִידוּר, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָּה פַארְן גֵיין שְׁלָאפְן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס אָן דֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין לֶעבְּן. אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ט), אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים מב, ט): "תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי", אַז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין תְּפִלָּה.

פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן צַייט, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ אוּן מֶען ווִיל דַאוֶונֶען דִי תְּפִילוֹת הַקְּבוּעוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ מֵיידְלֶעךְ - זָאלְן זֵיי דַאוֶונֶען, וַוייל דִי תְּפִילוֹת פוּן פְרוֹיעֶן זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; פַאר מֶענֶער, פְרוֹיעֶן, אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ, עֶס אִיז מְסוּגָּל פַאר אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן פַאר אַלֶע רְפוּאוֹת; ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מִתְפַּלֵּל בַּיים צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ אִין אוּמַאן ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען אִיז מִתְפַּלֵּל אִין אוּמַאן בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. צִי מֶען בֶּעט דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל פּוֹעֵל'ן אַ יְשׁוּעָה פַארְן מֶענְטְשׁ, אָדֶער בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דֶעם צַדִּיק וָואס לִיגְט דָא זָאל מֶען פּוֹעֵל'ן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן הָאט עֶר גֶעהֶערְט ווִי מֶען שְׁרֵייט אוֹיפְן בֵּית הַחַיִּים, בַּיי דִי קְבָרִים פוּן דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ׳. אַמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט ווִי אַ פְרוֹי שְׁרֵייט בַּיים קֶבֶר פוּן אִיר טַאטֶע מִיט אַ וֵויינֶעדִיגֶע קוֹל: ״טַאטֶע! טַאטֶע!״ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קנו): ״דוּ הֶערְסְט ווִי דִי פְרוֹי וֵויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק, אָבֶּער קֵיינֶער הֶערְט אִיר נִישְׁט אוֹיס, ווייל אִיר טַאטֶע אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא, אָבֶּער וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אַ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער צַדִּיק אִיז יָא דָארְט אוּן הֶערְט זִיךְ צוּ, ווייל וֶוען אַ צַדִּיק גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער גֵייט אַרוֹיס פוּן אֵיין שְׁטוּבּ צוּם צְוֵוייטְן שְׁטוּבּ״, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט ווייטֶער גֶעזָאגְט: ״פִּינְקְט אַזוֹי ווִי וֶוען אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ אוּן דוּ וֶועסְט שְׁרֵייעֶן ׳טַאטֶע׳ וֶועל אִיךְ דִיךְ זִיכֶער הֶערְן, אַזוֹי וֶועט זַיין וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן דוּ וֶועסְט שְׁרֵייעֶן ׳טַאטֶע׳, וֶועל אִיךְ דִיךְ הֶערְן אוּן אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט פּוֹעֵלְ'ן אַלֶעס גוּטְס.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶען מֶעג נוּצְן מַעֲשֵׂר גֶעלְט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶען מֶעג נִיצְן מַעֲשֵׂר גֶעלְט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? אוּן אוֹיב יָא, מֶעג מֶען אוֹיךְ נִיצְן מַעֲשֵׂר גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַן עֶרְשְׁטֶע קְלַאס זִיץ? אוּן וָואס אִיז מִיט נִיצְן מַעֲשֵׂר גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן?

אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען דָאס קְלָאר מַאכְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט מֶען מֶעג נִיצְן מַעֲשֵׂר גֶעלְט צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן, סַיי פַאר זִיךְ אוּן סַיי פַאר דִי קִינְדֶער; וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה, טוּן אַ טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמָה אוּן פַאר דִי קִינְדֶערְ׳ס נְשָׁמָה - וִוי קוּמֶען קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תח): ״הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה, שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי״, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער - אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט - קֶען מֶען נִיצְן מַעֲשֵׂר גֶעלְט, וַוייל קוּמֶען קַיין אוּמַאן אִיז תִּיקּוּן נְשָׁמוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן תו): ״שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה

יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן", רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר, "אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת".

צָאלְן פַאר אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁטָא אִין דֶעם קַיין שׁוּם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ נִיצְן דַיין מַעֲשֵׂר גֶעלְט פַאר עֲנִיִּים וָואס הָאבְּן נִישְׁט אַיינְצוּקוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב. דֶער רֶבִּי דַארְף נִישְׁט קַיין בַּאצָאלְטֶע סָאלְדַאטְן, דִי נְסִיעָה צוּם רֶבִּי'ן דַארְף קָאסְטְן, מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען אָן בַּאצָאלְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ה) וֶוען מֶען קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם צַדִּיק וֶוערְט פַארְרַאכְטְן דִי פִינְף חוּשִׁים, "הַהוֹצָאוֹת שֶׁיֵּשׁ לְכָל אֶחָד, מַה שֶּׁכָּל אֶחָד מוֹצִיא יְגִיעַ כַּפּוֹ, עַל הוֹצָאוֹת לָבוֹא לְהָרַב", דִי הוֹצָאוֹת הַדֶּרֶךְ וָואס מֶען גֶעבְּט אוֹיס צוּ קוּמֶען צוּם צַדִּיק, מִיט דֶעם וֶוערְט פַארְרַאכְטְן דִי חוּשׁ הַמִּשּׁוּשׁ.

אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט נִיצְן קַיין מַעֲשֵׂר גֶעלְט פַאר עֶרְשְׁטֶע קְלַאס; מַעֲשֵׂר גֶעלְט דַארְף גֵיין פַאר עֲנִיִּים, אוּן אַז דִי נְסִיעָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם - וֶוערְט מְתוּקָן דִי חוּשׁ הָרֵיחַ, עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## דֶער תִּיקּוּן פוּן הֲפָצָה, אִיז אוֹיךְ אוֹיב מֶען צָאלְט גֶעלְט פַאר אַ מֵפִיץ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער תִּיקּוּן וָואס מוֹהֲרָ"שׁ שְׁרַייבְּט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל אַז הֲפָצָה אִיז אַ תִּיקּוּן הַבְּרִית, אִיז דָאס דַוְקָא אוֹיב מֶען טוּט אַלֵיינְס מֵפִיץ זַיין? אָדֶער קֶען מֶען אוֹיךְ הָאבְּן דֶעם תִּיקּוּן אוֹיב מֶען צָאלְט גֶעלְט פַאר אַ מֵפִיץ?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער.

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס מֶען טוּט נָאר פַאר הֲפָצָה; סַיי דִי וָואס גֵייעֶן אוֹיסְטֵיילְן סְפָרִים, גִּלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים, סַיי דִי וָואס הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים, סַיי דִי וָואס זֶענֶען מְנַדֵּב צְדָקָה צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים וְכוּ׳ וְכוּ׳ - אַלֶעס אִיז אַ תִּיקּוּן הַבְּרִית. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): ״תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה״, וֶוער עֶס ווִיל פַארֶרעכְטְן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - ״שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה״, זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיטְן מֵפִיץ זַיין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן אוּן מִיטְן גֶעבְּן צְדָקָה צוּ דְרוּקְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז צַוָואָה גֶעלָאזְט: ״אִיךְ זָאג אַייךְ אָן, אַייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, עֶס זָאל זַיין ׳יָפוּצוּ מַעַיְנוֹתֶיךָ חוּצָה׳, אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט ׳גֶעלְט׳ מִיט ׳רָצוֹן׳ אוּן מִיט ׳טִירְחָא׳״.

מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הַדְפָּסָה וְהַפָּצָה, ווִי חָשׁוּב אִין הִימְל אִיז דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): ״תָּא חֲזֵי״ קוּם אוּן זֶע, ״כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא״ אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סְלוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא״ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; ״גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתְּלַק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא״ עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. ״וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי״ עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, ״וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי״ עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, ״כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי

עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי״ קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, ״עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ״ עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצֶן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אִיךְ הָאבּ מוֹרָא פוּן מַיין וַוייבּ, זָאל אִיךְ פָאְרן קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָארְן קַיין אוּמַאן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי תִּיקוּנִים וָואס דֶער צַדִיק אִיז מְתַקֵן, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער מוֹרָא פוּן מַיין וַוייבּ, זִי לָאזְט מִיךְ נִישְׁט פָארְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ וֶוען זִי שְׁרֵייט אוּן בְּלָאזְט, עֶס צִיפְּט מִיר נָאכְלֶעךְ פוּן פַארְיָאר וֶוען זִי הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ מִיר נָאךְ אוּמַאן פַאר צְוֵויי וָואכְן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר עֶנְטְפֶערְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת. רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, הָאבְּן אִים חֲבֵרִים צוּגֶערֶעדְט עֶר זָאל פַארְקוֹיפְן זַיין וַוייבְּ'ס טִיכְל, אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן גֶעלְט צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן. זַיין וַוייבְּ'ס טִיכְל אִיז

גֶעוָועֶן וֶוערְד אַסַאךְ גֶעלְט, עֶס הָאט גֶעהַאט אַרַיינְגֶעגֶעבְּן אַ סאך שַׁיינֶע בְּרִילְיַאנְטְן אוּן טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, אָבֶער רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט דָאס טוּן וֶועט דָאס עֶרְגֶער מַאכְן דִי מַצָּב אִין שְׁטוּבּ, עֶר הָאט נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי חֲבֵרִים.

שְׁפֶּעטֶער פְלֶעגְט רֶבִּי נָתָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דִי חֲבֵרִים, עֶר הָאט נִישְׁט וֵוי גֶעטוּן זַיין וַוייבּ; עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וָואלְט אִיךְ וֶוען פַארְקוֹיפְט אִיר טִיכְל וָואלְט גֶעוֶועְן נָאכְדֶעם אַ גֶט – וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין פוּן רֶבִּי'ן"; וַוייל דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְטִיגְקֵייט קֶען מֶען נָאר מְקַבֵּל זַיין מִיט אַ רֵיינֶעם מֹחַ, מִיט אַ הֵיילִיגֶע מֹחַ, אוּן דָאס גֵייט נָאר אַז מֶען אִיז אַן אָדָם הַשָּׁלֵם.

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ, רֶעד צוּ אִיר שֵׁיינֶע רֵייד, זָאג אִיר אַז דוּ פָארְסְט קַיין אוּמַאן נָאר צוּלִיבּ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל פָארְן, אוּן אַז זִי זָאגְט דִיר: "דוּ טוּסְט מִיר וֵויי", זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן: "אִיךְ טוּ דִיר נִישְׁט וֵויי, דוּ בִּיסְט מַיין טַייעֶרְסְטֶע זַאךְ", אוּן אַז זִי וֶועט אָנְהוֹיבְּן זִיךְ קְרִיגְן – זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ קְרִיגְן, דוּ זָאג אִיר נָאר פַארְוָואס דוּ פָארְסְט, אוּן אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן פַאר אִיר, אוּן אַז זִי שְׁרֵייט אוּן בְּלָאזְט – זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּרִיק שְׁרֵייעֶן אָדֶער צוּרִיק בְּלָאזְן, וַוייל שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר וִויכְטִיג, וַוייל וֶוער עֶס הָאט שָׁלוֹם בַּיִת הָאט אַנְדֶערֶע מוֹחִין, מִיט שָׁלוֹם בַּיִת קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינֶע מוֹחִין".

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דַאנְקֶען גָאט אַז נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז יוֹם כִּיפּוּר, מֶען בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער אוּן מֶען אִיז זִיךְ מוֹחֵל אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מַזְכִּיר זַיין דִי נֶעמֶען בַּיים צִיוּן פוּן רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ׳**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְן גֵיין יֶעדֶע וָואךְ עֶרֶב שַׁבָּת צוּם קֵבֶר פוּן הַתַּנָּא אֱלוֹקִי רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים פַאר דִי וָואס הֶעלְפְן אוּנְזֶער מוֹסָד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ, נָאכְן זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים זָאלְסְטוּ זָאגְן אַלֶע נֶעמֶען פוּן וָואס דֶער גַבְּאַי ר׳ אַהֲרֹן שִׁיקְט דִיר, אוּן בֶּעט דָארְט בַּיים תַּנָּא זֵיי זָאלְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס זֵיי דַארְפְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אַלֶע תּוֹרְמִים, זָאג דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶועְן אוּן זַיי מַזְכִּיר דִי נֶעמֶען אוּן בֶּעט פַאר זֵייעֶר הַצְלָחָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְצִינְדְן אַ לִיכְט מִיט שֶׁמֶן זַיִת בַּיים צִיוּן, אוּן אַז דִי גַבָּאִים דָארְט בֶּעטְן גֶעלְט - זָאלְסְטוּ זֵיי בַּאצָאלְן אוּן זָאלְסְט מַזְכִּיר זַיין דִי נֶעמֶען וָואס אוּנְזֶער שַׁדַ״ר גֶעבְּט דִיר, וַוייל דָאס אִיז אַן אֱמֶת׳עֶ סְגוּלָה, מֶען זֶעט גְרוֹיסֶע נִסִים אוּן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**בִּזְכוּת מְתַקֵּן זַיין עֵירוּבִין, זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיר בְּשֵׁם דִי גַאנְצֶע קְהִילָה פַארְן זִיךְ מִתְנַדֵּב זַיין דִי גַאנְצֶע יָאר - יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת - צוּ בּוֹדֵק זַיין דִי עֵירוּב אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן מְתַקֵּן זַיין עֵירוּבִין - זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בְּרָכוֹת, יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת אוּן צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

**אַ פָּנִים פוּן אַ צִיגֶעלֶע**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שִׁיק דִיר נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, גֶעבּ דָאס פַאר דִי חֵדֶר אוּן פַאר בֵּית פֵיגָא, דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס זָאלְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים, אוּן אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן צַדִיקִים, אוּן אַז מֶען פָאלְגְט נִישְׁט וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה שְׁרַייבְּט זִיךְ דָאס אוֹיף אוֹיפְן שְׁטֶערְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אַלֶע צַדִיקִים זֶעעֶן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן בְּחַדְרֵי חֲדָרִים.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד פוּנֶעם גָאוֹן רֶבִּי חַיִּים קַנְיֶיבְסְקִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וִוי בָּחוּרִים שְׁטֵייעֶן אִין אַ שׁוּרָה, וִוי אֵיין בָּחוּר שְׁטֵייט מִיט אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים אוּן הֶעכֶער זַיין קָאפּ זָאל זַיין אַ פָּנִים פוּן אַ צִיג.

אַלֶע בָּחוּרִים גֵייעֶן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַלֶע זֶענֶען אָנְגֶעטוּן מִיט דִי הוּט אוּן רֶעקְל אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט, מֶען גֵייט אַרוֹיף דִי טְרֶעפּ פוּן דִי דִירָה פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי חַיִּים קַנְיֶיבְסְקִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, קֵיינֶער שְׁטוּפְּט זִיךְ נִישְׁט, יֶעדֶער וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה פוּנֶעם צַדִיק. דֶער צַדִיק וִויל נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוינְטְשְׁט עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם אִין קוּרְצְן: ״בּוֹהַא״, דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן ״בְּרָכָה וְהַצְלָחָה״, אַזוֹי קֶען עֶר שְׁנֶעלֶער צוּרִיק גֵיין לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אֵיין בָּחוּר בַּאקוּמְט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה, דֶער צַדִיק קוּקְט אַוֶועק אוּן וִויל אִים נִישְׁט ווינְטְשְׁן, דֶער בָּחוּר פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אַרִיבֶּער צוּ גֵיין, דֶער צַדִיק גֶעבְּט אַ קוּק אוֹיפְן בָּחוּר אוּן קוּקְט גְלַייךְ אַוֶועק, עֶר וִויל אִים נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן, דִי גַבָּאִים זָאגְן: "דֶער בָּחוּר הָאט נָאכְנִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה", דֶער צַדִיק זָאגְט: "וִוי קֶען אִיךְ גֶעבְּן אַ בְּרָכָה פַאר אֵיינֶעם וָואס עֶסְט בָּשָׂר בְּחָלָב? פַאר אֵיינֶער וָואס עֶסְט מִילְכִיגְס וֶוען עֶר אִיז פְלֵיישִׁיג - גֶעבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין בְּרָכָה!"

דֶער בָּחוּר הָאט דֶערשְׁרָאקֶענֶערְהֵייט מוֹדֶה גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין זִיךְ מוֹדֶה אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה פוּן עֶסְן מִילְכִיגְס וֶוען אִיךְ בִּין פְלֵיישִׁיג, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ מִילְכִיגֶע שָׁאקַאלַאד אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, אִיךְ עֶס דָאס אוֹיךְ וֶוען אִיךְ בִּין פְלֵיישִׁיג".

דִי גַבָּאִים פְרֶעגְן דֶעם צַדִיק: "וִוי אַזוֹי הָאט דֶער צַדִיק גֶעוּוּסְט אַז דֶער בָּחוּר עֶסְט בָּשָׂר בְּחָלָב?" זָאגְט דֶער צַדִיק: "אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין פָּנִים אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיף זַיין פָּנִים אַ צִיגֶעלֶע, אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע זוֹהַר פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים (דַף קכה ע"ב), אַז וֶוער עֶס עֶסְט בָּשָׂר בְּחָלָב - וֶוערְט זַיין פָּנִים וִוי אַ פָּנִים פוּן אַ צִיגֶעלֶע, מֶען פַארְלִירְט דִי מֶענְטְשְׁלִיכֶע פָּנִים".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז מֶען דַארְף עֶסְן נָאר כָּשֶׁר'עֶ עֶסְן, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶסְן בָּשָׂר בְּחָלָב, אֲפִילוּ קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, וַוייל דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ לֶערְנֶען מִיר זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִיקִים, אוּן אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אַ צַדִיק.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְסְטָאג זָאלְט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַז מֶען קוּקְט מָאוִויס, וֶוערְן דִי מֹחַ נֶערְוֶוען גֶעשֶׁעדִיגְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ פִּירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דוּ קוּקְסְט נִישְׁט קַיין מָאוִויס. אַלֶע צָרוֹת קוּמֶען וֶוען מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן אוּן מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, מֶען וֶוערְט אַ נֶערְוֶועזֶער, אַ גֶערֶעגְטֶער, מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה, דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה גֵייט אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כג, טו): ״כִּי ה׳ אֱלֹקֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ״ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, ״לְהַצִּילְךָ״ דִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען, ״וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ״ צוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן דַיינֶע פַיינְט אִין דַיינֶע הֶענְט, אָבֶּער מִיט אֵיין תְּנַאי - ״וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ״ דוּ זָאלְסְט זַיין הֵיילִיג, ״וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר״ עֶס זָאל נִישְׁט גֶעזֶען וֶוערְן בַּיי דִיר קַיין שְׁמוּץ, וַוייל אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין בַּיי דִיר שְׁמוּץ - ״וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ״ וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר; וֶוען מֶען קוּקְט עֶקֶלְדִיגֶע בִּילְדֶער, קְלִיפְּס, מָאוִויס אוּן וִוידִיאוֹס פוּן עֲבֵירוֹת - גֵייט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ פַּיינִיגְן מִיט שְׁוֶוערֶע גֶעפִילְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן, מֶען הָאט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, מֶען הָאט דִמְיוֹנוֹת אוּן פְּחָדִים, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מְנוּחָה; מֶען לוֹיפְט פוּן אֵיין

טֶעראַפִּיסְט צוּם צְוֵוייטְן, מֶען זוּכְט אַן עֵצָה, אַ רְפוּאָה - אָבֶער גָארְנִישְׁט הֶעלְפְט נִישְׁט ווי לַאנְג מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט בְּלַייבְּן מִיט דִי גֶעפִיל צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶרְלִיכֶע אִידְן תְּמִימִים, אָן לֵיצָנוּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## לִפְנִים מִשּׁוּרַת הַדִין קֶען מֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עַל פִּי דִין דַארְפְט אִיר נִישְׁט אִיבֶּערְבֶּעטְן, זֵיי דַארְפְן אַייךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן, זֵיי הָאבְּן אַייךְ אוֹיסְגֶעפָּאפְּט; אִיר זֶענְט גֶעוֶוען אַ מֵיידְל וָואס הָאט גֶעזוּכְט אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאהַאלְטְן פוּן אַייךְ וְכוּ', אִיר זֶענְט גֶעגַאנְגֶען צוּם שִׁידוּךְ עַל דַעַת עֶר אִיז אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מֶען הָאט אַייךְ אָפְּגֶענַארְט, דַארְפְט אִיר זֵיי נִישְׁט אִיבֶּערְבֶּעטְן.

אָבֶּער אַז אִיר ווִילְט טוּן לִפְנִים מִשּׁוּרַת הַדִין - זָאלְט אִיר שִׁיקְן אַ שְׁלִיחַ אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַ גֶעזוּנְטֶע שִׁידוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ, אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מִתְנַדֵב זַיין יֶעדֶע וָואךְ צוּ בּוֹדֵק זַיין דִי עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ דַאנְק דִיר בְּשֵׁם דִי גַאנְצֶע קְהִילָּה פַארְן זִיךְ מִתְנַדֵּב זַיין יֶעדֶע וָואךְ עֶרֶב שַׁבָּת - דִי גַאנְצֶע יָאר - צוּ בּוֹדֵק זַיין דִי עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל.

בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן מְתַקֵּן זַיין עֵירוּבִין זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת אוּן צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**אַרַיינְלֵייגְן אוֹיעֶרְן שְׁטָאפֶּערְס, נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעדְרֵייט פוּן זֵיי**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳**

קוֹיפְט זִיךְ אוֹיעֶר שְׁטָאפֶּערְס, אוּן וֶוען אִיר הֶערְט פוּן פְרוֹיעֶן: ״דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַזוֹי״, ״דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַזוֹי״ - זָאלְט אִיר אַרַיינְלֵייגְן דִי שְׁטָאפֶּערְס - וֶועט אִיר נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרֵייט פוּן זֵיי, אוּן אַז אִיר ווִילְט ווִיסְן בֶּאֱמֶת וָואס אִיךְ זָאג - קוּקְט אִין דִי קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן הֶערְט אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים.

אִין צֶענְדְלִיגֶער אוּן הוּנְדֶערְטֶער בְּרִיוו אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל שְׁטֵייט דִי וֶוערְטֶער: ״קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט קוּמֶען זָאגְן ׳מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט׳, ׳מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַזִי גֶעזָאגְט׳, וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אוּן וָואס מֶען הֶערְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים - דָאס אִיז וָואס אִיךְ זָאג, אוּן דָאס אִיז וָואס אִיךְ ווִיל״.

קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, זַייט דָן לְכַף זְכוּת יֶעדְן אֵיינֶעם; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם.

...

**נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס ווִילְן, בֶּענְקְן אוּן גְלִיסְטְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אַייךְ צוּ טְרֶעפְן אוּן עֶנְק קֶענֶען

בַּאגְרִיסְן, און אֲפִילוּ קֶענֶען רֶעדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אַפָּאר וֶוערְטֶער פֶּערְזֶענְלִיךְ; בְּעִיקָּר דִי בָּחוּרִים פון אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, זֵיי הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ וַוארְט זֵיי צוּ טְרֶעפְן.

נֶעכְטְן בַּיים לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פון נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי רָצוֹן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; כָּל זְמַן מֶען וויל נָאךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אֲפִילוּ מֶען זֶעט ווִי דִי מִלְחָמָה וֶוערְט שְׁוֶוערֶער און שְׁוֶוערֶער, אוֹיבּ לָאזְט מֶען נִישְׁט אָפּ דָאס וֶועלְן, בֶּענְקֶען און גְלִיסְטְן צוּ זַיין גוּט - וֶועט מֶען בַּיים סוֹף מַצְלִיחַ זַיין. דָאס אִיז וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז (דְבָרִים כא, י): "כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ", אוֹיבּ דוּ וֶועסְט גֵיין אִין מִלְחָמָה - "וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ", וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט אוֹיסְפִירְן.

דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס מִדָה אִיז נֶצַח, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "נִצַּחְתִּי וַאֲנַצֵּחַ, אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִירְט און אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִירְן", דֶער רֶבִּי שְׁטַארְקְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס ווִילְן, בֶּענְקֶן און גְלִיסְטְן - צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ מַיינֶע טַייעֶרֶע בְּרִידֶער פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, שְׁוַוייגְט אָפּ אִין שְׁטוּבּ, נֶעמְט אָן דִי בִּזְיוֹנוֹת, עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט, סוֹד כַּוָּונַת אֱלוּל אִיז: "יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף דִי בִּזְיוֹנוֹת; נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל אוֹיסְזוֹיבֶּערְן דֶעם מֶענְטְשׁ - ווִי אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף אַ בִּזָיוֹן; אַז מֶען אִיז זוֹכֶה מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט, מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ תְּשׁוּבָה, צוּ בְּחִינַת אקי"ה, צוּ בְּחִינַת כְּבוֹד אֱלוֹקִי צוּ כ', כֶּתֶר (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו).

גֶעדֶענְקְט, מִיר פָארְן צוּם רֶבִּי'ן; דַארְפְן מִיר פָארְן מִיט רֵיינֶע מוֹחִין, מִיט שָׁלוֹם בַּיִת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "ווִי וַוייגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מִיר אֵיינֶער מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען?!" דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין בַּיים טִישׁ מִיט דֶעם אִיד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט שָׁלוֹם בַּיִת; אַז מִיר קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דַארְפְן מִיר פָּאלְגְן און קוּמֶען מִיט שָׁלוֹם בַּיִת.

גֵייט אַהֵיים און בֶּעטְס עֶנְק אִיבֶּער, און אַז זַאכְן שְׁטֶערְן דִיר און זַאכְן בַּאדֶערְן דִיר, זָאלְסְטוּ גֵיין אִין אַ לֵיידִיגֶע פֶּעלְד, אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ און שְׁרֵייעֶן

**צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר כַּעַס, עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר כָּבוֹד, עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר נִצָּחוֹן, עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר טִפְּשׁוּת, הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, נֶעם אַרוֹיס פוּן מִיר דִי שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּט".**

**לֵייגְט אַוֶועק אַלֶע מְנִיעוֹת, קוּמְט אַלֶע צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת, אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.**

...

**בּוֹדֵק זַיין דִי עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל בְּהִתְנַדְּבוּת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְן מִיר הֶעלְפְן דִי גַאנְצֶע יָאר יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב בּוֹדֵק זַיין דִי עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל בְּהִתְנַדְּבוּת.**

**בִּזְכוּת דִי מִצְוָה זָאלְסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.**

...

**אַ לֶערֶערִין דַארְף זַיין צוּגֶעגְרֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

**בִּיטֶע פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי טִיטְשֶׁערְס זֵיי זָאלְן זַיין אָנְגֶעגְרֵייט אָנְהוֹיבּ וָואךְ וָואס זֵיי גֵייעֶן לֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין סְקוּל נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט. זִיךְ פַארְלָאזְן אַז מֶען וֶועט דָאס טוּן אִינְדֶערְפְרִי - אִיז נִישְׁט אַחְרָיוּת'דִיג; וָואס וֶועט זַיין אַז מֶען פַארְשְׁלָאפְט? אָדֶער עֶפֶּעס מַאכְט זִיךְ? אוּן אַז מֶען אִיז נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט - אִיז דָאס אַן עַוְלָה.**

**פַארְגֶעסְט נִישְׁט וָואס דֶער עִיקָר אַרְבֶּעט פוּן אַ מְנַהֶלֶת אִיז; זִיךְ**

אִינְטֶערֶעסִירְן בַּיי יֶעדֶע לֶערֶערִין וָואס טוּט זִיךְ אִין כִּתָּה, אוּן אוֹיסְהֶערְן יֶעדֶע לֶערֶערִין.

אוֹיךְ דַארְף דִי מְנַהֶלֶת הָאבְּן אַ נָאנְטְקֵייט מִיט יֶעדֶע תַּלְמִידָה, אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר יֶעדְן פְּרִיוַואט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶסְן זָאל נִישְׁט גֵיין אִין מִיסְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַז מֶען וַוארְפְט אַוֶועק עֶסְן בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסָד; אִיךְ קֶען נִישְׁט זֶען וִוי עֶסְן גֵייט אִין מִיסְט.

אֶפְשָׁר קֶענֶען דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס דָאס אַהֵיים נֶעמֶען? עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְדִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין פְּרוּטָה, דִי שְׁטוּבּ אִיז לֵיידִיג פוּן עֶסְן, אוּן דָא גִיסְט מֶען עֶסְן אִין מִיסְט? פַארְוָואס זָאלְן נִישְׁט דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס אַהֵיים נֶעמֶען בְּרוֹיט, מִילְךְ וְכוּ'.

אִיךְ זָאג נָאכְאַמָאל, אִיךְ בִּין מַסְכִּים צוּ נֶעמֶען דִי פְּרָאגְרַאמֶען פוּן דִי שְׁטָאט פַאר עֶסְן וְכוּ' - נָאר בִּתְנַאי אַז מֶען וֶועט נִישְׁט וַוארְפְן עֶסְן אִין מִיסְט, אוֹיבּ מֶען וַוארְפְט עֶסְן אִין מִיסְט - ווִיל אִיךְ מֶען זָאל אָפְּשְׁטֶעלְן דִי גַאנְצֶע לָאנְטְשׁ פְּרָאגְרַאם.

אוֹיךְ אִין יְשִׁיבָה בַּיי דִי בָּחוּרִים זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶסְן זָאל נִישְׁט גֵיין אִין מִיסְט; גֶעבּ עֶס פַאר דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, לָאז זֵיי אַהֵיים נֶעמֶען דִי עֶסְן.

גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי, וֶועסְטוּ קֶענֶען דַאוֶונֶען וִוי אַ אִיד אוּן לֶערְנֶען, אוּן אוֹיךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר; וַוייל אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט - שְׁטֵייט מֶען אוֹיף שְׁפֶּעט, קֶען מֶען נִישְׁט דַאוֶונֶען וִוי אַ אִיד,

קֶען מֶען נִישְׁט זַיין קַיין עוֹשֶׁר, מֶען דַארְף נָאכְלוֹיפְן אַ גַאנְצְן טָאג - וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא) - דִי בְּהֵמוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אַלֶע מַלְאָכִים זֶענֶען מְקַנֵּא אַז אִיר קֶענְט דַאוֶוענֶען וִויפִּיל אִיר וִוילְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אַז אִיר וֶועט זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיר וֶועט מִיטְהַאלְטְן אַלֶעס וָואס דִי סְקוּל פַּארְלַאנְגְט - וֶועט אִיר מִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ.

אִיר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיר וִוילְט אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַ בָּחוּר אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אִיר וִוילְט אַ מַאן וָואס וֶועט דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן וְכוּ׳; אִיר קֶענְט זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם אוֹיבּ אִיר וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף אַן עֶרְלִיכֶער מַאן, אִיךְ דַארְף אַ מַאן אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַ מַאן וָואס וֶועט דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל אַ מַאן וָואס וֶועט פְרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ אַ דַיָּין, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, הַאלְטְס מִיט דִי דַאוֶוענֶען אִין סְקוּל, קוּקְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן סִידוּר, לַאכְט נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, טְרַאכְטְס וִוי אִיר שְׁטֵייט יֶעצְט אִין גַן עֵדֶן אוּן אִיר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶע מַלְאָכִים שְׁטֵייעֶן אַרוּם אַייךְ, אוּן זֶענֶען מְקַנֵּא וִוי אִיר קֶענְט דַאוֶוענֶען וִויפִּיל אִיר וִוילְט, אוּן זֵיי קֶענֶען נָאר אֵיין מָאל דַאוֶוענֶען, אוּן מֶער נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אֲפִילוּ מֶען טְרַאכְט נָאר פוּן זַיין גוּט, וֶועט מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

וואוּיל אִיז דִיר און וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דַיינֶע טֶעג און יָארְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער מִיט לֶערְנֶען מִיט בָּחוּרִים דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם און מִידוֹת טוֹבוֹת; אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי בַּיים זָאגְן תִּיקוּנִים הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה גֶעוֶועזְן מִיט וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז מְגַלֶּה, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין מְקוּשָּׁר צוּם צַדִּיק און דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; אֲפִילוּ מֶען טְרַאכְט נָאר פוּן זַיין גוּט - וֶועט מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט (תִּיקוּן לב, דַּף עו ע"ב): "וְאִם הוּא צַדִּיק, אִתְּמַר בֵּיהּ (מִשְׁלֵי כד, טז) 'כִּי שֶׁבַע יִפּוֹל צַדִּיק וָקָם'", אוֹיבּ אִיז דֶער צַדִּיק אָנְגֶעקוּמֶען אִין גֵיהִנּוֹם - וֶועט עֶר יָא אַרוֹיסְגֵיין פוּן דָארְט, "אָמַר לֵיהּ רַבִּי אֶלְעָזָר", הָאט רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר גֶעפְרֶעגְט זַיין טַאטְן, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי: "וְאִם הוּא צַדִּיק אַמַּאי נָחִית תַּמָּן", וָואס זוּכְט בִּכְלַל דֶער צַדִּיק אִין גֵיהִנּוֹם? אַ צַדִּיק גֵייט נִישְׁט אִין גֵיהִנּוֹם! זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי: "אֶלָּא בְּגִין לְאַפָּקָא מִתַּמָּן כָּל נַפְשָׁא וְנַפְשָׁא", דֶער צַדִּיק גֵייט אִין גֵיהִנּוֹם אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי נְשָׁמוֹת, "מֵאִלֵּין דְּהִרְהֲרוּ בִתְיוּבְתָּא", וָואס הָאבְּן גֶעטְרַאכְט פוּן תְּשׁוּבָה, דִי נְשָׁמוֹת וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט תְּשׁוּבָה טוּן, "וּמֵתוּ בְקַצְרוּת שְׁנִין", און זֶענֶען אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אֵיידֶער זֵיי הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן - "וְאִיהוּ טָרַח בְּגִינֵיהּ", קוּמְט דֶער צַדִּיק און מוּטְשֶׁעט זִיךְ פַאר זֵיי, עֶר אִיז זֵיי מְתַקֵּן; קוּמְט אוֹיס פְּשַׁט אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם צַדִּיק אַלֵיין, נָאר "וְאִם הוּא צַדִּיק" אוֹיבּ אִיז מֶען מְקוּשָּׁר צוּם צַדִּיק, "אִתְּמַר בֵּיהּ (מִשְׁלֵי כד, טז) 'כִּי שֶׁבַע יִפּוֹל'", אֲפִילוּ עֶר וֶועט פַאלְן זִיבְּן מָאל - "צַדִּיק וָקָם", וֶועט אִים דֶער צַדִּיק מְתַקֵּן זַיין.

דֶער צַדִּיק לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ אִין דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶעס, אִין דִי הֵייסְטֶע גֵיהִנּוֹם'ס - צוּ מְתַקֵּן זַיין אַלֶע נְשָׁמוֹת. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תרב) פְּשַׁט אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת כח:) רֶבִּי יוֹחָנָן

- אֵיידֶער עֶר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן - הָאט עֶר גֶעוֵויינְט, דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי, פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "יֵשׁ שְׁנֵי דְּרָכִים לְפָנַי, אֶחָד לְגַן עֵדֶן וְאֶחָד לְגֵיהִנּוֹם, וְאֵינִי יוֹדֵעַ בְּאֵיזֶה דֶרֶךְ מוֹלִיכִין אוֹתִי", עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן, אֵיינְס פִירְט צוּם 'גַן עֵדֶן' אוּן אֵיינְס צוּם 'גֵיהִנּוֹם', אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ מֶען וֶועט מִיךְ פִירְן; פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי, ווי אִיז שַׁיָּיךְ רֶבִּי יוֹחָנָן זָאל הָאבְּן אַ סָפֵק אוֹיב מֶען וֶועט אִים פִירְן אִין גֵיהִנּוֹם? זָאגְט דֶער רֶבִּי, פַארְקֶערְט, רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט גֶעוֵויינְט אוֹיב עֶר אִיז נִישְׁט גֶענוּג גְרוֹיס צוּ קֶענֶען גֵיין אִין גֵיהִנּוֹם מְתַקֵּן זַיין דִי נְשָׁמוֹת, ווייל - "הַצַּדִּיק הַגָּדוֹל מוֹלִיכִין אוֹתוֹ אַחַר מוֹתוֹ דֶּרֶךְ הַגֵּיהִנּוֹם, כְּדֵי לְהַעֲלוֹת מִשָּׁם נְשָׁמוֹת כַּיָּדוּעַ", דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק - וֶוען עֶר וֶוערְט נִסְתַּלֵּק - פִירְט מֶען אִים צוּם גֵיהִנּוֹם עֶר זָאל מְתַקֵּן זַיין דִי נְשָׁמוֹת, דָאס הָאט רֶבִּי יוֹחָנָן מוֹרָא גֶעהַאט, אוֹיב אִים וֶועט מֶען דָארְט פִירְן וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶען דַארְף פִיטֶערְן פַאר מֶענְטְשְׁן דֶעם לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבְ'ע אִינְגֶעלַייט פוּן כּוֹלֵל שְׂפָתֵי תִּפְתָּח, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אַשְׁרֵיכֶם וְאַשְׁרֵי חֶלְקְכֶם אַז עֶנְק הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֶעבְּן דֶעם פֵּירוּשׁ שְׂפָתֵי תִּפְתָּח אוֹיף לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם סֵפֶר, ווייל זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט ווִילְן לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נָאךְ וַוייט פוּן פַארְשְׁטֵיין, זֵיי דַארְפְן מֶען זָאל זֵיי דָאס פִיטֶערְן אַזוֹי ווִי מֶען פִיטֶערְט אַ קְלֵיין קִינְד, אוּן מִיט דִי פֵּירוּשׁ שְׂפָתֵי תִּפְתָּח פַארְשְׁטֵייעֶן זֵיי דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אוּן ווִי מִיר הָאבְּן מְקוּבָּל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוען מֶען וֶועט זֶען דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וֶוערְט נִתְפַּשֵּׁט אוֹיף דִי וֶועלְט - קֶען מֶען זִיךְ גְרֵייטְן צוּ מָשִׁיחַ.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ חַבְרֵי הַכּוֹלֵל, לֵייגְט אַרַיין מֶער צַייט, קָאפּ און מֹחַ צוּ עֶנְדִיגְן מַגִּיהַּ זַיין תּוֹרָה ה׳, עֶס זָאל נָאךְ קֶענֶען אַרוֹיסְקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, און אִיךְ וִויל עֶנְק שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן שִׁיקְן חֲלָקִים פוּן תּוֹרָה ו׳ בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַרָאפְּנֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הֶער פוּן דִי טִיטְשֶׁערְס און פוּן דִי פְּרִינְצִיפְּל זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף אַייךְ, זֵיי זָאגְן אַלֶע אַז אִיר זֶענְט אַ דֶּרֶךְ אֶרֶץ׳דִיגֶע מֵיידְל מִיט גוּטֶע מִידוֹת.

דָאס וֵוייסְט אִיר אַוַודַאי אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי סוֹד וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ וֶוערְן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִּיק, נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת און אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט דָאס טוּן וֶועט אוֹיךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק; זָאלְט אִיר יֶעדְן טָאג אַרָאפְּנֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, וֶועט אִיר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

וַוייזְט דֶעם בְּרִיוו פַאר אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זָאלְן זֵיי הָאבְּן אַ פַארְגֶעניגְן אַז זֵייעֶר טָאכְטֶער אִיז אַ דֶּרֶךְ אֶרֶץ׳דִיגֶע מֵיידְל און הָאט גוּטֶע מִידוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט וָואס צָרוֹת מֵיינְט, וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְן קַאדַאטְשְׁקֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אִין דִי בְּרִיוו: "מֶען פְּרֶעגְלְט מִיר אוֹיס פוּן הִימְל פוּן אַלֶע זַייטְן"; אִיךְ מֵיין דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֵיינְט פְּרֶעגְלֶען, וָואלְסְטוּ גֶעוִויסְט וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער, וָואלְסְטוּ גֶעוִויסְט וָואס פַּאר אַ צָרוֹת עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט - וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְן קַאדַאטְשְׁקֶע בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, וָואלְסְט גֶעזָאגְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט מִיר נָאר גוּטְס".

דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צָרוֹת מֵיינְט, וַוייל אַז דִי וַוייבּ וֵויינְט אַ הַאלְבֶּע נַאכְט - אִיז דָאס נִישְׁט דִיךְ פְּרֶעגְלֶען פוּן הִימְל; וָואס אִיז אַז דִי וַוייבּ וֵויינְט? וָואס אִיז אַז דִי וַוייבּ שְׁרֵייט? דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרֶעגְלֶען, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין צָרוֹת; דָאס אִיז דִי לֶעבְּן, אוּן דָאס אִיז דִי פְלִיכְט אוֹיפְן מַאן, פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרֶעגְלֶען. אוּן אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע צַייט מִיט פַּרְנָסָה - אִיז נָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט עֶק וֶועלְט, אוּן אַז דוּ דַארְפְסְט בַּאצָאלְן גְרוֹיסֶע קְנָסוֹת פַאר דִי קָאמְפֶּענִי וְכוּ' וְכוּ' - אִיז אוֹיךְ נִישְׁט עֶק וֶועלְט; דָאךְ בִּיסְטוּ גֶעזוּנְט, דָאךְ בִּיסְטוּ חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן נָאךְ טוֹיזְנְטֶער גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, בַּאלְד קוּמְט גְרוֹיס שֶׁפַע, דוּ טוּ נָאר דַיינְס מִיט גְרוֹיס עַקְשָׁנוּת, דוּ קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט דִי גְרֶעסְטֶע עַקְשָׁנוּת, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין. לָאז דַיין טֶעלֶעפָאן אִין קַאר, פְּלַאג זִיךְ אוֹיס פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דַאוֶוען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דַאנְק אִים אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן, זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן וְכוּ'; מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ שָׁנָה רִאשׁוֹנָה אִינְגֶערְמַאן עֶר זָאל בְּלַייבְּן וְכוּ', מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעוִויזְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עַיֵּין יוֹמָא פה:): "מוּטָב שֶׁיְּחַלֵּל שַׁבָּת אַחַת וְכוּ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַז מֶען וֶועט אוֹיסְוַוארְטְן, וֶועט מֶען זֶען גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרִיסְן פוּן דִי שׁוּלֶע בֵּית פֵיגָא אִין בְּנֵי בְּרַק. אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְקֶער הַצְלָחָה, אוּן אַז עֶנְק וֶועלְן הָאבְּן סַבְלָנוּת וֶוען עֶס אִיז 'רֵאשִׁיתְךָ מִצְעָר', אַז מֶען וֶועט אוֹיסְוַוארְטְן וֶועט מֶען זֶען גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן, מֶען וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ 'וְאַחֲרִיתְךָ יִשְׂגֶּה מְאוֹד'.

מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג פַאר פוּפְצְן יָאר צוּרִיק דִי עֶרְשְׁטֶע בֵּית פֵיגָא אִין אַמֶערִיקֶע, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער, בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִלָּה הָאבְּן רוֹב גֶעלַאכְט, נִישְׁט אַלֶע הָאבְּן אַרַיינְגֶעשִׁיקְט, מִיר הָאבְּן שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט הָאבְּן מִיר אַפָּאר הוּנְדֶערְט תַּלְמִידוֹת אוּן צֶוענְדְלִיגֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע תַּלְמִידוֹת, אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְטֶע שְׁטִיבֶּער, גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, גֶעבּוֹיט מִיט שְׁטַארְקֶע יְסוֹדוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַוֶועקְגֵיין דַאוֶוענֶען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין עֶכְטֶע עֵצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

איך פְרֵיי זיך זֵייעֶר יֶעדֶעס מָאל דו שְׁרַייבְּסְט מִיר, אִיךְ ווִיל הָאבְּן מִיט דִיר אַ קֶשֶׁר, און מִיט דִי הִילְף פון בַּאשֶׁעפֶער דִיר הֶעלְפְן אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

בְּנוֹגֵעַ דִי טַעֲנוֹת וָואס דו הָאסְט אויף מָרַת..., אַז זִי לֶערְנְט דַיין וַוייבּ דִיךְ צוּ מַאכְן שְׁפִּירְן ווִי אַ שְׁמַאטֶע, דו ווִילְסְט איר אָנְרוּפְן וְכוּ׳; אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶס אִיז אַ גוּטֶע עֵצָה, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן אָדֶער דֶערְצֵיילְן וָואס דַיין וַוייבּ טוּט נִישְׁט גוּט צוּלִיבּ מָרַת ..., וָואס זִי מַאכְט דִיר שָׁאדְן, און אִיךְ וֶועל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אִיר עֶס אִיבֶּערְגֶעבְּן און זֶען וָואס מֶען קֶען בֶּעסֶער מַאכְן, זִי אִיז נִישְׁטָא צוּ הֶעצְן פְרוּיעֶן אויף מֶענֶער, זִי אִיז דָא נָאר צוּ הֶעלְפְן אַוֶועק שְׁטֶעלְן שְׁטִיבֶער זִיךְ פִירְן מִיט שָׁלוֹם און שַׁלְוָה.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ דו גֵייסְט קֶענֶען יוֹצֵא זַיין בַּיי אוּנְזֶער קִיבּוּץ אִין אוּמַאן תְּקִיעַת שׁוֹפָר, הֱיוֹת מֶען רוּפְט אוֹיס פַאר דִי תְּקִיעוֹת אַז וֶוער עֶס הָאט אֵיינֶעם פַּיינְט זָאל אַרוֹיסְגֵיין פון בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מוֹהֲרַ"ש הָאט אַזוֹי גֶעטוּן און אַזוֹי טוּט מֶען בַּיי אוּנְזֶער מִנְיָן, אוֹיבּ מֶען הָאט אֵיינֶעם פַּיינְט קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אִין שׁוּל בַּיי תְּקִיעַת שׁוֹפָר, מֶען מוּז אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע פַיינְטְשַׁאפְט פון הַארְץ, יֶעדְן אֵיינֶעם לִיבּ הָאבְּן און אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם רַחְמָנוּת הָאבְּן.

אוֹיבּ דו שְׁפִּירְסְט נָאכְאַלְץ אַז דַיין וַוייבּ קְוֶועטְשְׁט דִיךְ אוֹיס מִיט אִירֶע גֶעוֵויינֶען, כְּהַיּוֹם (נִישְׁט אַלְטֶע זַאכְן) - זָאלְסְטוּ מִיר עֶס שְׁרַייבְּן און אִיךְ וֶועל אִיר מְחַזֵּק זַיין זִי זָאל דָאס נִישְׁט טוּן, זִי זָאל דִיךְ נִישְׁט צֶעקְוֶועטְשְׁן און צֶעדְרוּקְן.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע ווִיפִיל מָאל מֶען זָאל גֵיין צוּ עֶלְטֶערְן אוֹיף שַׁבָּתִים; וֶוען מֶען אִיז יוּנְג, מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע ווִירְטְשַׁאפְט - אִיז גוּט צוּ גֵיין צוּ עֶלְטֶערְן מֶער אָפְט, ווייל שְׁפֶּעטֶער מִיט דִי צַייט וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה צוּוַאקְסְט זִיךְ - אִיז שְׁוֶוער דָאס פָארְן און קוּמֶען.

בְּנוֹגֵעַ רֶעדְן מִיט אַ שְׁווִיגֶער וְכוּ׳; דַארְפְסְט נִישְׁט רֶעדְן מִיט דַיין שְׁווִיגֶער, אִיךְ רֶעד אוֹיךְ נִישְׁט מִיט מַיין שְׁווִיגֶער. אַז מֶען גֵייט צוּ אַ סְעוּדָה בַּאדַאנְקְט מֶען זִיךְ, מֶען זָאגְט שְׁכּחַ, און וֶוען מֶען קוּמְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ

בַּאגְרִיסְט מֶען, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַ שִׂמְחָה ווִינְטְשְׁט מֶען מַזָל טוֹב, אָבֶער אַזוֹי דוּרְכְן יָאר פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען דָא וָואס מַאכְן דִיר נֶערְוֶועז אוּן דוּ ווִילְסְט ווִיסְן אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ אַוֶועק גֵיין דַאוֶוענֶען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ וְכוּ'; טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַיינְט אִיז עֶס דָאס, מָארְגְן אִיז עֶס אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ, אַוֶועק גֵיין דַאוֶוענֶען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין עֶכְטֶע עֵצָה, וָואס וֶועסְטוּ טוּן וֶוען דוּ וֶועסְט וֶוערְן הֵיימִישׁ אִין יֶענֶעם שׁוּל אוּן דָארְט וֶועלְן דִיר זַאכְן אָנְהוֹיבְּן בַּאדֶערְן? וואוּ וֶועסְטוּ דֶעמָאלְט גֵיין? דִי עֶכְטֶע עֵצָה אִיז - קוּקְן אוֹיף יֶעדְן מִיט רַחְמָנוּת אוֹיגְן, אוּן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, יֶעדֶער טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ, אוּן יֶעדֶער אִיז הֵיילִיג, יֶעדֶער אִיד אִיז אַ קִינְד בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז זַאכְן בַּאדֶערְן אוּן זַאכְן שְׁטֶערְן - דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיין אוֹיסְוַואשְׁן מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן, מֶען דַארְף גֵיין אִין פֶעלְד אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְלַייטֶערְן בִּיז מֶען הָאט יֶעדְן אֵיינֶעם לִיבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל צוּ יַבְנְאֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז עֶנְק גֵייעֶן אָן מִיט אוּנְזֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דִי חַבוּרָה וֶוערְט שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער. אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ עֶנְק. אִיךְ הָאבּ לִיבּ עֶנְקֶער חַבוּרָה, אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל צוּ יַבְנְאֵל, דִי פְּלַאץ וואוּ מוֹהֲרַא"שׁ הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען בַּיי זַיין לֶעבְּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיר שְׁרַייבְּן דִי פְּרָטִים וָואס טוּט זִיךְ בַּיי אוּנְזֶער שׁוּל אִין

יַבְנְאֵל, דִי נֶעמֶען פוּן דִי מִתְפַּלְלִים. גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר אַלֶע חֲבֵרִים, אוּן אוֹיבּ עֶנְק וֶועלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם - וֶועלְן עֶנְק זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן.

בְּנוֹגֵעַ דִי בְּרִיוו וָואס אִיךְ שִׁיק עֶרֶב שַׁבָּת; אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן דָאס צוּ שִׁיקְן פְרִיעֶר, אַזוֹי וֶועלְן עֶנְק דָאס בַּאקוּמֶען עֶרֶב שַׁבָּת אוּן דָאס קֶענֶען פָארְלֵיינֶען בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן מְתַקֵּן זַיין עֵירוּבִין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן זִיךְ מִתְנַדֵּב זַיין דִי גַאנְצֶע יָאר תשפ״ד צוּ בּוֹדֵק זַיין דִי עֵירוּב בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל.

בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן מְתַקֵּן זַיין עֵירוּבִין - זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, אוּן צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**צוּ מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע וֵוייטָאגְלִיכֶע בְּרִיוְון.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, קוּק צוּרִיק דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט דִיר בִּיז אַהֶער, דוּ אוּן דַיין וַוייבּ מִיט דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, עֶנְק לֶעבְן בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה, אַ יָאר צְוֵויי צוּרִיק הָאסְטוּ אוֹיךְ גֶעמֵיינְט אַז דִי וֶועלְט עֶנְדִיגְט זִיךְ

וְכוּ׳, אַלֶעס הָאט זִיךְ אַזוֹי שַׁיין גֶעעֶנְדִיגְט; נָאר דִי אֵיין זַאךְ, אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ מִלְחָמָה פַארְן חֵטְא אַז דוּ הָאסְט גֶעלֵייגְט דַיינֶע קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ מוֹסְדוֹת.

וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אוּן חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ אוֹיפְפִירְן צוּ זֵיי נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי פִילֶע לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף בְּרֶסְלֶב בִּכְלָלִיּוּת, אוּן אוֹיף הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בִּפְרָטִיּוּת, וּבִפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת וְכוּ׳, אַז אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת זֶענֶען נִישְׁט קַיין מוֹסְדוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי לוֹחֵם, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט זֵיי וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין אוּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; גָארְנִישְׁט וֶועלְן, נָאר דְבֵיקוּת, נָאר בִּיטוּל - וֶועסְטוּ זֶען וִוי דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זָאגְן פַאר אַלֶעמֶען "פוּן דֶעם זוּן הָאבְּן מִיר דָאס מֶערְסְטֶע נַחַת".

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ אוּן דַיין וַוייבּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּן מִיט אַהֲבָה, זַייט אַייךְ מְחַזֵּק אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד הוֹרִים וּמוֹרִים, אוּן בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועלְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז עֶנְק זֶענֶען מְקוֹרָב בַּיים רֶבִּי׳ן.

חַס וְשָׁלוֹם אָפְּהאקְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן, דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער גֵיין צוּ זֵיי אוּן רֶעדְן מִיט זֵיי, אוּן אוֹיבּ זֵיי ווִילְן נִישְׁט רֶעדְן - זָאלְסְטוּ אַבִּיסְל וַוארְטְן, "חֲבִי כִמְעַט רֶגַע עַד יַעֲבָר זָעַם" (יְשַׁעְיָ׳ כו, כ).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## דִי בָּחוּרִים זָאלְן הָאבְּן נָאר רֵיינֶע טֶעלֶעפָאנֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע מֶעסִידְזְשֶׁעס.

ווָאוֹיל אִיז דִיר אוּן ווָאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט אַ מַגִּיד שִׁיעוּר פַאר בָּחוּרִים, דוּ לֶערְנְסְט מִיט זֵיי תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, רוֹב טָאג גֵייט אַרִיבֶּער

מִיט הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן תַּלְמִיד.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט דִי בָּחוּרִים זָאלְן הָאבְּן טֶעלֶעפָאוֹנְס ווָאס מֶען קֶען זֶען דֶערוֹיף ווִידִיאָ, אַ טֶעלֶעפָאן אַהֵיים צוּ רוּפְן - קֶענֶען זֵיי הָאבְּן, אָבֶּער נִישְׁט מֶער פוּן דֶעם.

זֶע אַז אוּנְזֶערֶע ד׳ אַמּוֹת זָאלְן זַיין רֵיינֶע, דִי בָּחוּרִים קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאן ווָאס מֶען קֶען שִׁיקְן בִּילְדֶער אוּן ווִידִיאָ.

פִּיר דִי יְשִׁיבָה מִיט הָארֶץ, בַּאנֶעם זִיךְ צוּ יֶעדְן תַּלְמִיד מִיט גֶעפִּיל.

ווַייז דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דַאווֶענֶען אִין אוּמַאן וואוּ מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ מֶער בַּאקְוֶועם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ דוּ בִּיסְט מֶער בַּאקְוֶועם צוּ דַאווֶענֶען אִין אוּמַאן בַּיי ... מִנְיָן - זָאלְסְטוּ דָארְט גֵיין דַאווֶענֶען, דַאוְוען אִין אוּמַאן וואוּ דוּ בִּיסְט מֶער בַּאקְוֶועם אוּן וואוּ דוּ הָאסְט מֶער יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוֹיךְ אוֹיבּ אוּנְזֶער בִּנְיָן אִיז דִיר נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם וְכוּ׳ וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ טוּן ווָאס קוּמְט דִיר אוֹיס גוּט.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַלֶע יָארְן גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק וואוּ מֶען דַאווֶענְט אִין אוּמַאן, דֶער עִיקָּר אִיז - קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן קַיין אוּמַאן, אוּן וואוּ מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ מֶער בַּאקְוֶועם - דָארְט זָאל מֶען דַאווֶענֶען. דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תד): ״יָא עֶסְן - נִישְׁט עֶסְן, יָא שְׁלָאפְן - נִישְׁט שְׁלָאפְן, יָא דַאווֶענֶען - נִישְׁט דַאווֶענֶען, דֶער עִיקָּר מֶען זָאל זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה״.

דַארְפְסְט נִישְׁט דַאוֶועגֶען בַּיי מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן דִי זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## פְרֶעגְן דִי מֵיינוּנְג פוּן נָאךְ אַ דָאקְטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּנוֹגֵעַ דֶער צֵיין דָאקְטֶער גֶעבְּן שְׁטֶעטְל וָואס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס צֵיין אַבִּי צוּ מַאכְן גֶעלְט, בַּיי בֵּיידֶע פוּן עֶנְק הָאט עֶר שִׁיעוּר אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט אַלֶע צֵיין אוּן נָאכְן גֵיין צוּ אַ צְוֵוייטְן צֵיין דָאקְטֶער הָאט עֶר עֶנְק גֶעזָאגְט אַז אַלֶעס אִיז גוּט; זָאלְן עֶנְק דָאס מוֹדִיעַ זַיין פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

בִּכְלַל אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן, אוֹיבּ אַ צֵיין דָאקְטֶער זָאגְט מֶען דַארְף שׁוֹין יֶעצְט דִי מִינוּט אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן וְכוּ' - זָאל מֶען גֵיין פְרֶעגְן אַ צְוֵוייטְן צֵיין דָאקְטֶער אוּן נָאר נָאכְן הֶערְן פוּן צְוֵויי דָאקְטוֹירִים, אוּן מִיט תְּפִלָּה אוּן צְדָקָה - וֵוייסְט מֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## נִישְׁט בְּרֶענְגֶען אִין שׁוּל קַיין בְּרוֹינְפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט נִישְׁט בְּרֶענְגֶען אִין שׁוּל קַיין בְּרוֹינְפְן; עֶס אִיז אַ תַּקָּנָה וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אִין אַלֶע שׁוּלְן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ

נִישְׁט צוּ בְּרֶענְגֶען קַיין בְּרוֹינְפְּן. אֲפִילוּ וֶוען מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאכְן דַאוֶוענֶען, נָאךְ סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת אוּן רוֹב עוֹלָם אִיז שׁוֹין אַהֵיים - זָאל מֶען נִישְׁט נִיצְן דִי שׁוּל צוּ טְרִינְקֶען וְכוּ׳.

הֶעלְף מִיר בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל; וָואס דוּ טוּסְט בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ - דָארְט רֶעד אִיךְ נִישְׁט אַרַיין, דָארְט דַארְף מֶען אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת זָאלְן זַיין מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דִי קִינְדֶער זָאלְן זֶען שֵׁיינֶע שַׁבָּת סְעוּדוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶּער אִין שׁוּל וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן נִישְׁט צוּ בְּרֶענְגֶען קַיין מַשְׁקֶה הַמְּשַׁכֵּר.

אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר צוּרִיק שְׁרַייבְּן אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי טוּן, אוּן דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן אוּנְזֶער שֵׁיינֶע שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אוּן אִיךְ וֶועל מִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פוּן מוֹהֲרַ״ן אוּן פוּן אַלֶע צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## פָּארְלֶערְנֶען פְּשׁוּט׳ע זַאכְן, אוּן עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט״ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת פָּארְצוּלֶערְנֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בַּיים רֶבִּי׳ן, סֵיי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת אוּן סֵיי בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, מְחַזֵּק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; וֶוער נָאךְ דַארְף אַזוֹיפִיל חִיזוּק וִוי בְּרֶסְלֶבּ׳עֶר חֲסִידִים, נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי נֶעמְט אַרָאפּ אֵיין הַסְתָּרָה, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען וִוי וַוייט מֶען אִיז, אוּן וָואס מֶען דַארְף אַלְץ פַּארְעֶכְטְן; דַארְף מֶען אַסַאךְ חִיזוּק.

וֶוען דוּ לֶערְנְסְט פָּאר זָאלְסְטוּ רֶעדְן דְּבָרִים פְּשׁוּטִים, לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, נִישְׁט קַיין תּוֹרוֹת מִיט קַיין לוֹמְדוֹת; קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ הֶערְן וִוי אַ גְרוֹיסֶער יַדְעָן אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים דוּ בִּיסְט, אוּן וִוי אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם דוּ בִּיסְט. עֶס מַאכְט זֵייעֶר נֶערְוֶועז וֶוען דֶער בַּעַל דַּרְשָׁן קוּקְט זִיךְ פָּאר

מְשָׁלִים מִיט נִמְשָׁלִים און זוכְט אַפִּיר צוּ קְרַאצְן מַאֲמָרִים און שִׂיחוֹת וָואס נָאר עֶר וֵוייסְט און קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וְכוּ׳, קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט הֶערְן ווִי אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם דוּ בִּיסְט, מֶען קוּמְט הֶערְן פָּשׁוּטְ׳עֶ וֶוערְטֶער, תְּמִימוּת׳דִיגֶע וֶוערְטֶער - וָואס מֶען קֶען גְלַייךְ אָנְהוֹיבְּן טוּן; ווִי לְמָשָׁל, רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְן אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת און רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ צוּ דִי וַוייבּ; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען הֶערְן חִיזוּק, דִי סָארְט דִיבּוּרִים דַארְפְן זַיי.

אוֹיף דִי אֵיין זַאךְ זָאלְסְטוּ יָא שְׁטֵיין, אַז בִּשְׁעַת דוּ רֶעדְסְט זָאל מֶען נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן. אוֹיבּ מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיפְן קוֹל, מֶען לַאכְט - זָאלְסְטוּ אָפְּטְרֶעטְן פוּן רֶעדְן, זָאלְן דִי גַבָּאִים עֶרְשְׁט אַוֶועק שְׁטֶעלְן דֶרֶךְ אֶרֶץ, דֶרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה, נָאכְדֶעם וֶועט מֶען פָארְלֶערְנֶען. רֶעד נִישְׁט און לֶערְן נִישְׁט פָאר אִין שׁוּל אוֹיבּ מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיפְן קוֹל וְכוּ׳; אוֹיבּ מֶען שְׁמוּעֶסְט אִין שׁוּל, מֶען לַאכְט - זָאלְסְטוּ מִיט אַ שְׁמֵייכְל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן און אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי שַׁבָּת סְעוּדָה, און סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה, און מְקַיֵּים זַיין (תְּהִלִּים א, א): "בְּמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן מְתַקֵּן זַיין עֵירוּבִין**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיךְ בְּשֵׁם דִי גַאנְצֶע קְהִילָּה פַארְן זִיךְ מִתְנַדֵּב זַיין אַ גַאנְץ יָאר, יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת - צוּ בּוֹדֵק זַיין דִי עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן מְתַקֵּן זַיין עֵירוּבִין, און דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## שְׂכַר לִימוּד אִיז אַ חִיוּב צוּ בַּאצָאלְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר פָּארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁרֵייט: ״הַמֶּלֶךְ״, אָבֶער דִי הַכְתָּרָה אִיז וואוּ? דִי הַכְתָּרָה אִיז אִין אוּמַאן; ״פוּן הֵיכַל קָן צִפּוֹר וֶועל אִיךְ אַרָאפְּקוּמֶען צוּ עֶנְק״ - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, ״אוּן אֲפִילוּ אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועג וָואלְט גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעלֵייגְט שַׁארְפֶע מֶעסֶערְס״ - זָאגְט רֶבִּי נָתָן - ״וָואלְט אִיךְ גֶעטְרֶעטְן אוֹיף דִי מֶעסֶערְס אָנְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה״.

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימוּד, שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קַיין צְדָקָה, שְׂכַר לִימוּד אִיז אַ חִיוּב צוּ בַּאצָאלְן. נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּץ נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן, עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן, וַוייל פַאר אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז דָא גֶעלְט; עֶנְדֶערְשׁ זָאג ׳עֶס אִיז מִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, עֶס אִיז מִיר נִישְׁט חָשׁוּב מַיינֶע קִינְדֶערְ׳ס לֶערְנֶען׳.

פוּן אָפִּיס פְרֶעגְט מֶען מִיר אוֹיב מֶען זָאל אַרוֹיפְגֵיין מִיט שְׂכַר לִימוּד, זֵיי זָאגְן מֶען מוּז עֶפֶּעס זֶען צוּ טוּן מֶען זָאל קֶענֶען צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע. מֶען מוּז צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, גְלֵייבּ אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בֵּיצָה טז.): ״כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַד יוֹם הַכִּפּוּרִים״, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ וִויפִיל מֶען וֶועט פַארְדִינֶען אוּן וִויפִיל מֶען וֶועט פַארְלִירְן, ״חוּץ מֵהוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת וְהוֹצָאַת יוֹם טוֹב״, אוֹיסֶער דִי גֶעלְט וָואס מֶען גֶעבְּט אוֹיס פַאר שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, ״וְהוֹצָאַת בָּנָיו לַתַּלְמוּד תּוֹרָה״, אוּן דִי גֶעלְט וָואס מֶען צָאלְט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען תּוֹרָה, ״שֶׁאִם פָּחַת פּוֹחֲתִין לוֹ״, בַּיי דֶעם, אוֹיב מֶען גֶעבְּט אוֹיס וֵוייניגֶער - פַארְדִינְט מֶען וֵוייניגֶער, ״וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ״, אוּן אוֹיב גֶעבְּט מֶען אוֹיס מֶער - פַארְדִינְט מֶען מֶער.

עַל פִּי הֲלָכָה אִיז אַ טַאטֶע מְחוּיָב צוּ זִיצְן אוּן לֶערְנֶען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, עֶס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה, ״וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ״ (דְּבָרִים ו, ז), אוֹיב מֶען דִינְגְט אַ מְלַמֵּד

און מֶען בַּאצָאלְט אִים - אִיז מֶען אויךְ יוֹצֵא דִי מִצְוָה, אָבֶער אַז מֶען לַאכְט זִיךְ אוֹיס פון צָאלְן שְׂכַר לִימוּד - אִיז מֶען מְבַטֵּל דִי מִצְוַת עֲשֵׂה.

מִיר וֶועלְן זִיךְ זֶען אִין אוּמַאן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, וֶועט זִי דִיר שִׁיקְן קַיין אוּמַאן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הֶער אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מְנִיעוֹת פון שְׁטוּבּ, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, אַזוֹי וִוי אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף; דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, דוּ וֶועסְט הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין אִירֶע עֶלְטֶערְן - וֶועט זִי דִיר שִׁיקְן קַיין אוּמַאן, זִי וֶועט דִיר נִישְׁט לָאזְן בְּלַייבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין שְׁטוּבּ.

דוּ גֵיי אִין אַ ווִינְקֶל און גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דָא אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס קֶען מִיךְ מְתַקֵּן זַיין, אַ רֶבִּי וָואס זָאגְט 'אַלֶע מוּזְן קוּמֶען צוּ אִים', אַ רֶבִּי וָואס פַארְשְׁטֵייט מִיךְ, אַ רֶבִּי וָואס קֶען מִיר הֶעלְפְן, און דָא אִיז דָא אַזֶעלְכֶע הִתְנַגְּדוּת, אַזֶעלְכֶע מְנִיעוֹת, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ אַ נֵס אַז מַיין וַוייבּ זָאל מִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פון פָארְן קַיין אוּמַאן, מַיין וַוייבּ זָאל מִיךְ שִׁיקְן מִיט שִׂמְחָה, מַיין וַוייבּ זָאל הָאבְן כֹּחַ צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער", און לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת, וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט; וַוייז אִיר דֶעם בְּרִיוו, און זָאג אִיר אַז דוּ וֶועסְט פָארְן קַיין אוּמַאן נָאר אוֹיבּ זִי אִיז מַסְכִּים, און אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין און וֵוייךְ - וֶועט זִי דִיךְ שִׁיקְן קַיין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדֶע נַאכְט פַּאר צֶען מִינוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר פָּארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; "אַלֶעס דַארְף מֶען פָּאלְגְן דֶעם צַדִיק" - זָאגְט דֶער רֶבִּי, "אוֹיסֶער דָאס וָואס עֶר זָאגְט נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דָאס פָּאלְגְט מֶען נִישְׁט".

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדֶע נַאכְט זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין פַּאר צֶען מִינוּט. פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וָואס הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נב), "הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה", מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיינַאכְט, "וְהַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי", מֶען זָאל גֵיין אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט דָארְט, "הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ", דוּרְכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה אַז מֶען וֶוערְט בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווִיל שׁוֹין גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט - נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, גֵיי אִין אַ ווִינְקֶל, אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן זָאג: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין נָאנְט צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל זַיין הֵיילִיג. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר אוּן וַוארְפְט מִיךְ אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אִים, הֶעלְף מִיר".

אַזוֹי זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג טוּן, שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁרֵייעֶן; וַוייל מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה - רֵיינִיגְט מֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּט, מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דער אײבּערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הַצְלָחָה אין אַלע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט געבּענטשט יאר.

...

### ווי אַזוֹי קען מען זיין פון רַבִּינְ׳ס לַייט?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ״א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מען גרייט זיך שוין צום גרויסן יוֹם הַדִּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מיר פארן קיין אוּמַאן צום הייליגן רַבִּי׳ן. דער רַבִּי זאגט, די ערשטע נאכט רֹאשׁ הַשָּׁנָה פִּירט ער אַריבּער אַלע זיינע לַייט; ווי אַזוֹי קען מען זיין פון רַבִּינְ׳ס לַייט? אַז מען לערנט זיינע תּוֹרוֹת, זיינע סְפָרִים; נאר אַזוֹי איז מען פון רַבִּינְ׳ס לַייט.

יעצט אֱלוּל - ערב די נְסִיעָה קיין אוּמַאן - זאלסטו זיך מאכן שִׁיעוּרִים אין אַלע רַבִּינְ׳ס סְפָרִים. הויבּ אן לערנען דעם הייליגן סֵפֶר לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, בַּיים אנהייבּ איז נישט גרינג, עס איז לאנגע תּוֹרוֹת וְכוּ׳, זאלסטו זאגן די ווערטער, זאגן אן פארשטיין. דער רַבִּי האט אונז געגעבּן אַ וועג צו לערנען, אֲפִילוּ מען פארשטייט נישט זאל מען זיך נישט אפּשטעלן (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו).

לערן מיט אַ קְבִיעוּת יעדן טאג אַבּיסל לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, וועסטו אנהויבּן בּענקען צום אײבּערשטן, דו וועסט לעבּן מיט תְּשׁוּבָה און מַעֲשִׂים טוֹבִים. דער רַבִּי האט געזאגט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שמט): ״שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ״, מען קען ווערן אַן אֱמֶת׳ער בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מען לערנט לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, ״וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קֻשְׁיוֹת לִבָּבוֹ, וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: ׳סע וועט אים אַלע אָדערן טרענען׳״, און ווער עס וועט לערנען זיין סֵפֶר מיט אַן אֱמֶת, וועט זיך אים עפענען אַלע פארשטאפּטע אָדערן און ער וועט ווערן אַן ערליכער איד.

מאך זיך נאך אַ שִׁיעוּר, מאך זיך אַ שִׁיעוּר אין די שִׂיחוֹת פון רַבִּי׳ן, אין

סֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן און סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ"ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וְוִי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

בִּתְחִלַּת הִתְקָרְבוּתִי הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען מַיין חַיּוּת פוּן דִי שִׂיחוֹת, אַזוֹי וְוִי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ מֶער אַרוֹיסְגֶעהַאט דֶעם רֶבִּי'ן פוּן זַיינֶע שִׂיחוֹת און שְׁמוּעֶסְן".

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען סֵפֶר הַמִּידוֹת און סֵפֶר סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט זַיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי מַעֲשִׂיּוֹת וֶועקְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלָאף. און הַיינְט הָאבְּן מִיר סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל; חִיזּוּק, עֵצוֹת און הַדְרָכָה פוּן מוֹהֲרָא"ש, גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער און דָאס אַזוֹי אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְזֶערֶע מֹחוֹת, פַאר אוּנְזֶערֶע גוּפִים, וָואס מִיר זֶענֶען אַזוֹי גֶעפַאלְן און אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן; דִי בְּרִיוו וֶועט דִיר גֶעבְּן חִיזּוּק פַאר יֶעדְן מַצָּב, עֶס וֶועט דִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן פוּן אַלֶע נְפִילוֹת וִירִידוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן הַארְץ דִי פַּיינְטְשַׁאפְט אוֹיף אַ צְוֵייטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר פָּארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. בַּיי אוּנְזֶער ד' אַמּוֹת קֶען מֶען נָאר קוּמֶען אַז מֶען לָאזְט אָפּ אַלֶע שִׂנְאָה, אַלֶע פַּיינְטְשַׁאפְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן הַארְץ דִי פַּיינְטְשַׁאפְט וָואס דוּ הָאסְט צוּ אַ צְוֵייטְן, אִיךְ פַּארְלַאנְג נִישְׁט פוּן דִיר זָאלְסְט הַאלְטְן וְוִי יֶענֶעם,

און זיצְן מִיט יֶענֶעם וְכוּ' וְכוּ'; דוּ הָאסְט דַיין וֶועג, און יֶענֶער הָאט זַיין וֶועג וְכוּ'; אָבֶּער דִי פַּיינְטְשַׁאפְט, דָאס וֶועלְן יֶענֶעם צֶערַייסְן און אוֹיפְעֶסְן - דָאס דַארְפְסְטוּ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִיר, נָאר אַזוֹי קֶענְסְטוּ זַיין אִין אוּנְזֶער חַבּוּרָה, הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. מוֹהֲרָא"ש הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט דִי תַּקָּנָה אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אִין שׁוּל בַּיי תְּקִיעַת שׁוֹפָר אוֹיבּ מֶען הָאט אַ שִׂנְאָה אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

אַז דוּ וֶועסְט מוֹחֵל זַיין אַנְדֶערֶע - וֶועט מֶען דִיר מוֹחֵל זַיין, אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע - וֶועט מֶען קוּקְן אוֹיף דִיר גוּט, און אַז דוּ וֶועסְט גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג - וֶועסְטוּ זֶען נָאר גוּטְס.

"וֶוען אִיךְ זֶע אַ חִסָּרוֹן בַּיי אַ צְוֵוייטְן, אִיז דָאס אָדֶער וַוייל הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט יֶענֶעם טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, און אַז אִיךְ הָאבּ יָא גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, אִיז דָאס גֶעוֶוען ווינְצִיג" - הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט.

אִיךְ וַוארְט זִיךְ צוּ זֶען מִיט דִיר און מִיט דִי גַאנְצֶע חַבּוּרַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## גֵיי אִין אוּמַאן וואוּ דוּ בִּיסְט בַּאקְוֶועם, אָבֶּער אִין אַ פְּלַאץ פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר פָּארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. "בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר רֹאשׁ הַשָּׁנָה" - זָאגְט דֶער רֶבִּי, "און גְלַייךְ מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה בֵּייג אִיךְ צוּ מַיינֶע אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן ווִי דֶער שַׁמָּשׁ קוּמְט שׁוֹין אִיבֶּער אַ יָאר קְלַאפְּן, וֶועקְן צוּ סְלִיחוֹת, וַוייל מַיין זַאךְ אִיז נָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רטו).

"מַיין פֵייעֶרְל וֶועט שׁוֹין טְלִיעֶן און בְּרֶענֶען בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען" -

הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכט), און וִויפִּיל דִי מִתְנַגְּדִים וֶועלְן דָאס שְׁטֶערְן - וֶועט עֶס נִישְׁט הֶעלְפְן, "וואו אִיךְ וֶועל גֵיין, וואו מֶען וֶועט מִיךְ פַארְטְרַייבְּן, וֶועל אִיךְ דָארְט מַאכְן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים" - הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט וֶוען מֶען הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן פוּן זַיין הֵיים שְׁטָאט, פוּן בְּרֶסְלֶב.

וּבְכֵן זָאלְסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, אֲפִילוּ מֶען סְטְרַאשֶׁעט דִיךְ מִיט וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְכַאפְּן אִין רֶבִּי'ן און זִיךְ גוּט צוּבִּינְדְן, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם): "אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִירְט און אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִירְן", און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וואו אִיךְ וִויל טְרֶעטְן וֶועל אִיךְ פַארְרֶעכְטְן".

פַּאק זִיךְ אַיין אוֹיפְן וֶועג אַ זֶעקֶל סְפָרִים, מֶען גֵייט פָארְן קָרוֹב צוּ דְרַייסִיג שָׁעָה; זָאלְסְטוּ הָאבְּן וָואס צוּ טוּן אוֹיפְן וֶועג. זָאלְסְט עוֹסֵק זַיין מִיט דַיין חַיִּים טוֹבִים, און יֶעדֶע טְרִיט נֶענְטֶער צוּ אוּמַאן זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן, און דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין דָא.

מַאךְ נִישְׁט פוּן עִיקָר - טָפֵל און פוּן טָפֵל - עִיקָר, דֶער עִיקָר אִיז קוּמֶען קַיין אוּמַאן; וואו צוּ דַאוֶונֶען, וואו אַיינְצוּשְׁטֵיין - דָאס אִיז נִישְׁט דֶער עִיקָר, וואו דוּ בִּיסְט בַּאקְוֶועם - זָאלְסְטוּ גֵיין, נָאר בִּתְנַאי אַז עֶס אִיז אַ פְּלַאץ פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אַ פְּלַאץ פוּן תְּמִימוּת וּפְּשִׁיטוּת, אַ פְּלַאץ פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דִי לֶעצְטֶע שַׁבָּת פוּן שְׁנַת תשפ"ד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי שַׁבָּת אִיז דִי לֶעצְטֶע שַׁבָּת פוּן תשפ"ד, דִי שַׁבָּת קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן; אַז מֶען וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, מֶען וֶועט טַאנְצְן און זִינְגֶען שַׁבָּת! שַׁבָּת! שַׁבָּת! - וֶועט מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

נאר מיט תּפלה איז מען זוכה צו זיין פריילעך, נאר אז מען בעט: **"באשעפער איך וויל זיין נאר פריילעך, באשעפער היט מיך פון כעס, היט מיך פון מחלוקת, היט מיך פון שרייען און שלאגן"**, נאר מיט תּפלה קען מען זוכה זיין צו זיין פריילעך און רואיג.

קינדער - ווען זיי טאנצן, שפּרינגען און ווילדעווען - קען מען ווערן זייער אנגעצויגן, אבער מיט תּפלה קען מען זייער הנאה האבן פון דעם. פּרובירט אויס צו בעטן דעם אייבערשטן אויף די פּרט: **"רבונו של עולם היט מיך פון כעס, העלף מיר איך זאל נישט ווערן נערוועז פון די לעבעדיגקייט פון מיינע ליכטיגע קינדער"**, דעמאלט האט מען הנאה פון די קינדער ווען זיי טאנצן און שפּרינגען.

מיר פירן זיך צו זאגן סליחות מוצאי שבת ביי חצות, מען קומט מיט בגדי שבת. דער אייבערשטער זאל אננעמען אונזערע תּפילות און אונזערע בקשות, מיר זאלן זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר. פלעגט ארײַן אייגענע תּפילות ובקשות אין דיין שפּראך, אויף אידיש, ביי די סליחות. גיס זיך אויס דאס הארץ, שעם זיך נישט צו בעטן נאכאמאל מחילה, דער אייבערשטער איז אונזער טאטע, ער איז דיין טאטע, מיין טאטע, יעדנ'ס טאטע; בעט אים ער זאל דיר מוחל זיין און דיר אנשרייבן א גוט יאר.

ביי אלע תּפילות; אנגעהויבן פון סליחות, ראש השנה, עשרת ימי תּשובה, יום הקדוש, און אזוי ווייטער - זאלסטו זאגן די ווערטער: **"אייבערשטער אידישע קינדער זענען זייער גוט, אידישע קינדער זענען זייער ווויל, קיינער וויל נישט זיין שלעכט, קיינער מיינט נישט קיין שלעכטס, אפילו ווען מען פאלט אין עבירות איז דאס נישט פון שלעכטיקייט, עס איז פון די שווערע נסיונות"**, די ווערטער וועלן איבערדרייען אלע וועלטן, עס וועט פארשטאפּן אלע מקטרגים.

א גוט שבת, א גוט געבענטשט יאר.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

פֿאַר קינדער

## לערנען די הייליגע גמרא

מען זוכט אַהער, מען זוכט אַהין, מען טרעפט אים נישט...

מען גייט פון איין שטוב צום צווייטן, 'וואו איז ער? וואו איז רבי מענדעלע?' די גאנצע שול וואַרט מען זאל שוין אנהויבן דאווענען, אָבער דער בעל תפלה איז נישט צום געפינען, ער האט זיך באַהאלטן, ער וויל נישט זיין די יאר דער בעל תפלה.

די תלמידים זאגן: "אפשר קען מען צושיקן אַ צווייטן צום עמוד?" מיר וועלן פרעגן דעם רבי'ן: "רבי, מיר טרעפן נישט דעם רבי מענדעלע, אפשר קען מען צושיקן אַ צווייטן צום עמוד?" דער רבי זאגט: "ניין, מען וועט נישט דאווענען ביז מען וועט אויפזוכן דעם בעל תפלה רבי מענדעלע".

די תלמידים האבן זיך אַרויסגעלאָזט זוכן דעם רבי מענדעלע, ביז מען האט אים געטראָפן און געבראַכט צום רבי'ן, דער רבי ר' מענדעלע האט נישט געהאט קיין ברירה, ער איז צוגעגאַנגען צום עמוד.



וואוּ אִיז רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע?

טַייעֶרֶע קִינְדֶער מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִיקִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים. אֵיינֶע פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מְרִימְנוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן אַלֶע זַייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט דֶעם רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע עֶר זָאל זָאגְן פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּגֵיין צוּם עָמוּד. הָאט עֶר גֶעזָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל אַז וֶוער עֶס וֶוערְט אוֹיסְדֶערְוֶועלְט צוּ זַיין בַּעַל תְּפִלָּה אִין דִי יָמִים נוֹרָאִים - מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב אוּן וַוייטֶער - גְמָרָא, "דִי יָאר אִיז מִיר גֶעוֶוען זַייעֶר שְׁוֶוער דִי וֶועג פוּן מַיין שְׁטָאט פְּרִיסְטִיק בִּיז לִיזֶענְסְק, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג גְמָרָא, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מִיךְ בַּאהַאלְטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ בִּין נִישְׁט וֶוערְד צוּ זַיין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה', בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעהֵייסְן, הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט פָאלְגְן".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִיקִים, ווִי זֵיי לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, זֵיי גְרֵייטְן זִיךְ אָן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע טֶעג מִיט לֶערְנֶען גְמָרָא, אוּן מִיר קִינְדֶער גֵייעֶן אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אַסַאךְ גְמָרָא, אַזוֹי וֶועלְן מִיר אוֹיךְ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.